**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/28/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**פרא-האוזינג קאמיוניטיס: גאווערנער HOCHUL מעלדט מער ווי 100 מיליאן דאלאר געגעבן פאר פראיעקטן אין קאמיוניטיס וואס זענען איבערגעגעבן צו בויען מער הייזער**

***די גאווארנער'ס פרא-האוזינג קאמיוניטיס איניציאטיוו געבט ביז 650 מיליאן דאלאר אין ווּאלונטירישע פינאנצירונג יעדע יאר; ביז יעצט, זענען 273 מוניציפאלטיס געווארן באשטעטיגט אלס פרא-האוזינג קאמיוניטיס***

***נייע בודשעט פארשלאג וועט באשטימען נאך 110 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור פינאנצירונג צו באשטעטיגטע פרא-האוזינג קאמיוניטיס, בויענדיג אויף עקזיסטירנדע אינסענטיוון***

***סך הכל פון 123 מיליאן דאלאר געגעבן צו פראיעקטן דורכך פיר ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל פראגראמען; די פולע ליסטע [איז צו באקומען דא](#)***

גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן נייע אינוועסטירונגען פון מער ווי 100 מיליאן דאלאר פאר פראיעקטן וואס געפינען זיך אין באשטעטיגטע פרא-האוזינג קאמיוניטיס, טייל פון א סך הכל 123 מיליאן דאלאר געגעבן אלס טייל פון די לעצטע רונדע פונעם סטעיט'ס [ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל איניציאטיוו (Regional Economic Development Council)](#). גאווארנערHochul'ס (האקול'ס) פרא-האוזינג קאמיוניטיס איניציאטיוו געבט ביז 650 מיליאן דאלאר אין וואלונטירישע פינאנצירונג יעדע יאר פאר קאמיונייטיס וואס זאגן צו צו באשיידן פארמערן זייער האוזינג סופליי; ביז יעצט, זענען 273 מוניציפאלטיס באשטעטיגט געווארן אלס פרא-האוזינג קאמיוניטיס. דאס יאר, שלאגט גאווארנער Hochul (האקול) פאר נאך 110 מיליאן דאלאר צו דעקן אינפראסטרוקטור און פלאנירונג קאסטן פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס.

"עס איז נאר דא איין לעזונג צו ניו יארק'ס האוזינג צוגענגליכקייט קריזיס: מיר דארפן בויען מער הייזער," **האט גאווארנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די פרא-האוזינג קאמיוניטיס איניציאטיוו געבט די אינסענטיוון וואס קאמיוניטיס זוכן, און די לעצטע רונדע פון גרענט פינאנצירונג וועט מאכן א שטארקע טויש אין יעדע ראיאן פון ניו יארק. מיר זענען שטאלץ פון אלע באשטעטיגטע פרא-האוזינג קאמיוניטיס אין ניו יאקר און קוקן ארויס צו זייער ווייטערדיגע וואוקס."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישענער Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "די רונדע XIV אווארדס ווייזן ווי לאקאלע פריאריטעטן זענען גלייך צו די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג צילן - ספעציעל אין אזערע פרא-האוזינג קאמיוניטיס. די שטארקע אפרוף צו די נייע קאפיטאל פארבעסערונג גרענטס (Capital Improvement Grants) פראגראם ווייזט ווי מוניציפאליטיס ווילן שטארק פארשטערקערן זייערע פונדאמענטן בשעת'ן אדרעסירן קריטישע האוזינג געברויכן. אונטער גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) פירערשאפט, טוען מיר ווייטער שאפן נייע און דינאמישע געלעגנהייטן צו שאפן דשאבס און ברענגען דויערהאפטיגע און גלייכע וואוקס דורכאויס ניו יארק סטעיט."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (ראטאננא וויסנאוסקאס) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) איז געווען קלאר- מוניציפאליטעטן וואס טיילן מיט אונזער וויזיע פאר קלוגע-האוזינג וואוקס וועלן באלוינט ווערן. דורך די 100 מיליאן דאלאר אווארדס וואס איז היינט געמאלדן געווארן, וועלן פרא-האוזינג קאמיוניטיס באקומען א פינאנציעלע שטוב צו זייערע באמיאונגען צו

פארבעסערן אינפראסטרוקטור, פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס, און אויספירן פראיעקטן וואס פארבעסערן דאס קוואליטעט-פון-לעבן פאר ניו יארקערס. מיר דאנקען דעם גאווארנער פאר איר אנגייענדע פירערשאפט און אפלאדירן אונזערע פארטנערס אויף די לאקאלע שטאפלען וואס ארבעטן שטארק אין יעדע ראיאן פונעם סטעיט צו טרעפן לעזונגען צו די האוזינג מאנגל."

**ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל רונדע XIV**
רונדע XIV פון די ראיאנישע קאונסיל איניציאטיוו ברענגט ווייטער גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) האוזינג אגענדא דורך אריינגעמען א נייע פראגראם וואס האט פינאנצירונג באשטימט פאר פראיעקטן וואס געפינען זיך אין [פרא-האוזינג קאמיוניטיס](), ווי באשטעטיגט דורך היימען און קאמיוניטי באנייאונג (Homes and Community Renewal HCR). די קאפיטאל פארבעסערונגען גרענטס פאר פרא-האוזינג קאמיונטיס פראגראם, געגעבן דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD), האט ערמעגליכט ביז 40 מיליאן דאלאר צו מוניציפאליטיס, קאונטיס און נאן-פאר-פראפיטס צו שטיצן קאפיטאל פארבעסערונגען און פלאץ-מאכונג פראיעקטן אין פרא-האוזינג קאמיוניטיס. צוליב אן איבערוועלטיגנדע אפרוף אין אפליקאציעס און שטארקע פארלאנג, ווערט מער ווי 55 מיליאן דאלאר געגעבן צו שטיצן די פראיעקטן, אפשפיגלענדיג די שטארקע פרא-האוזינג פארפליכטיגונג פון די סטעיט'ס מוניציפאליטיס.

דריי אנדערע פראגראמען אין רונדע XIV זענען אריינגערעכנט געווארן אין די פרא-האוזינג קאמיוניטי באשטימונג: ESD'ס גרענטס און מארקעט ניו יארק פראגראמען, און HCR'ס ניו יארק מעין סטריט פראגראם. דערצו, איז מער ווי 9 מיליאן דאלאר אין עקסעלסיאר דשאבס פראגראם שטייער קרעדיט געגעבן געווארן צו שטיצן דאס שאפן דשאבס און אינוועסטירונג צילן אין פראיעקטן דורכאויס די סטעיט. אין די קומענדיגע וואכן, וועלן מער ווי 250 מיליאן דאלאר געגעבן ווערן צו פרא-האוזינג קאמיוניטיס פון די דאונטאון ווידעראויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative), ניו יארק פאראויס (New York Forward) און מיד-הודסאן מאמענטום פראגראמען (Mid-Hudson Momentum Programs).

אויסגעוועלטע פראיעקטן אין פרא-האוזינג קאמיוניטיס פון רונדע XIV נעמען אריין:

- **קאפיטאל ראיאן - שענעקטעדי קאמיוניטי אקציע פראגראם (Schenectady Community Action Program) - SCAP קאמפוס:** אין צוזאמענארבעט מיט .DePaul Properties, Inc, וועט SCAP בויען א געביידע אריינצונעמען א נייע טשיילד קעיר צענטער, פראגראם פלאץ און אדמיניסטראטיווע אפיסעס פאר איר ברייטע רייע פון פאמיליע שטיצע סערוויסעס, אריינרעכנענדיג ארבעטגעבונג סערוויסעס, שטיצנדע הייזער סערוויסעס און איינצלנע און פאמיליע קריזיס אינטערווענירונג. די נייע פלאץ איז אין א ניו יארק סטעיט-באשטימטע טשיילד קעיר מדבר און וועט צושטעלן נייע קלאסצימערן פאר פולשטענדיגע טשיילד קעיר פלעצער. די געביידע איז ערווארטעט צו זיי טייל פון א גרעסערע פארשידן-נוציגע ווידעראנטוויקלונג וואס וועט שאפן אן אייגנארטיגע קאמפוס אין די סיטי אוו שענעקטאדי וואו האוזינג, טשיילד קעיר און פאמיליע שטיצע סערוויסעס זענען קא-פלאצירט. **ESD גרענט - 4.975 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 12.4 מיליאן דאלאר**
- **צענטראל ניו יארק - .SEED Syracuse, Inc – טשימס בילדינג:** די נאן-פאר-פראפיט גרופע וועט ווידעראנטוויקלען די טשימס בילדינג (Chimes Building) אין א געמישטע-באנוץ, געמישטע איינקונפט געביידע. די פראיעקט וועט שאפן עטליכע וואוינונגס דירות וועילעבל צו א געמיש פון איינקונפט און נעמט אריין קאמערציעלע פלאץ אריינצונעמען טעלעקאמיוניקאציעס איינוואוינער וואס סערווירט אלס א פייבער אפטיק צענטער, צושטעלנדיג אינטערנעט צוטריט פאר באלד האלב פונעם סיטי אוו סיראקוס, אריינגערעכנט שפיטעלער, פייער דעפארטמענטס, לאקאלע ביזנעסער און געוועגליכע באנוצער. **ESD גרענט - 1.25 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 40.7 מיליאן דאלאר**
- **פינגער לעיקס - ראטשעסטער האוזינג אטאריטעט - פערנוואד עוועניו ביבליאטעק & געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט:** די פראיעקט נעמט אריין בויען א נייע פליגל פונעם ראטשעסטער פאבליק ביבליאטעק סיסטעם (Rochester Public Library System) אין א פיר-שטאקיגע, 80,000 סקווער פיס געמישטע באנוץ געביידע וואס נעמט אריין צוגענגליכע האוזינג. די פלאץ וועט אריינגעמען 65 האוזינג דירות מיט פלאץ פאר די נייע ביבליאטעק אויך צוצושטעלן שטיצע סערוויסעס, קאמפיוטער טרענירונג און ארבעט אנטוויקלונג. קאמיוניטי אקציע אגענטורן וועלן העלפן קאארדינירן און צושטעלן אן אינטעגרירטע סיסטעם פון שטיצע סערוויסעס, שאפנדיג נייע געלעגנהייטן פאר הצלחה דורך געצילטע ערציאונג און טרענירונג באמיאונגען. די נייע געביידע וועט זיין אויף א בראונפיעלד סייט. **קאפיטאל פארבעסערונג פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס - 775,000$; סך הכל פראיעקט קאסטן: 4 מיליאן דאלאר.**

- **לאנג איילענד - טאון אוו ריווערהעד - דאונטאון ריווערפראנט אמפיטעאטער:** די טאון וועט שאפן א ריווערפראנט אמפיטעאטער און פאבליק פארק. צוליב זייער לאקאציע אונטער די פארפלייצונג פלעין און פארמערטע פארפלייצונג ריזיקעס פון קלימאט טויש, וועלן די געביידעס ווערן אריבערגעפירט צום צפון ענד פונעם פראפערטי און אויפגעהויבן ווערן אויף נייע פונדאמענטן. די דרום זייט, מיט א 13-פיס סלאופ, וועט געמאכט ווערן צו געשטאפלטע זיץ-ערטער מיט א פאדיום און באנדשעל נעבן די פעקאניק טייך (Peconic River). די אויסשטעל נוצט די נאטורליכע סלאופ צו באשיצן די געביידעס בשעת'ן שאפן א פארפלייצונג אפהאלט. די אמפיטעאטער וועט אויך נוצן אלס א פאבליק פארק, אפהאלטנדיג אקטיוויטעטן אזויווי עקסערסייז קלאסן, מאווי נעכט און קינדער'ס אוונטן. **קאפיטאל פארבעסערונג פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס - 1.4 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 2.8 מיליאן דאלאר**
- **מיד-הודסאן - וואוינארט פאר מענטשן פון Dutchess County, Inc. – Taylor Ave. דעוועלאפמענט:** ארבעטנדיג צוזאמען מיט די סיטי פון פוגקיפסי, וועט HFHDC נעמען די פלאץ צוגרייטונג און בויארבעט פון א געמישטע-באנוץ דעוועלאפמענט וואס נעמט אריין א טשיילד קער צענטער און האוזינג דירות, מיט א טייל פון די דירות איבערגעגעבן צו עלטערע און ארבעטער דירות. די פראיעקט נעמט אריין פולשטענדיגע סייט פלאנירונג, מאדולער טאונהאוז דעזיינס און די איינפירונג פון נויטיגע אינפראסטרוקטור אזויווי גאסן, יוטיליטיס און גרינע פלעצער. **ESD גרענט - 1.6 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 14.5 מיליאן דאלאר**
- **מאהאווק וועלי - מוניציפאל האוזינג אטאריטע אוו די סיטי אוו יוטיקא (מענטשן ערשט) - THRIVE קארנהיל:** די פראיעקט וועט איינפירן צוויי געמישטע-באנוץ געביידעס אין די קארנהיל אפטיילונג פון יוטיקא, צושטעלנדיג צוויי קאמיוניטי ווירקונג צענטערן און עטליכע געמישטע-איינקונפט דירות. די ווירקונג צענטערן וועלן שטיצן קאמיוניטי-פאקוסירטע פראגראמען אריינגערעכנט א פילצוועקיגע דשים, שטאטישע גראסערי, צוזאמענארבעטנדע פלאץ, טעסט קאך, ענטערפענאורישע אינקיובעטער, טאנץ, קונסט פלאץ און א הויף. **קאפיטאל פארבעסערונגען פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס - 3 מיליאן דאלאר; סך הכל פראיעקט קאסטן - 17.6 מיליאן דאלאר.**
- **ניו יארק סיטי - ברוקלין נעווי יארק דעוועלאפמענט קארפערעשן - צענטער פאר פלאנעטערי געזונט:** די צענטער וועט אוועקשטעלן א נייע ביאטעק אינאוואציע צענטער אין ניולעב אין די ברוקלין נעווי יארד. C4PH איז דוקא געבויט צו פארשנעלערן די קאמערציאליזאציע פון נישט-טעראפיסטישע לעבן סייענסעס וואס קען גענוצט ווערן צו אדרעסירן קלימאט טויש. די צענטער וועט קענען שטיצן איבער 30 קאמפעניס, קאנצענטרירנדיג זיך אויף אפטיילונגען אזויווי אגריקולטור, שטאף און בוי-מאטעריאלן. **ESD גרענט - 1.6 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 8 מיליאן דאלאר.**
- **נארט קאונטרי - ווילעדש אוו מאסענא - רויע וואסער קאפיטאל פראיעקט:** די ווילעדש וועט בויען א צווייטע רויע וואסער דורכפירונג ליניע פון די מאסענא אריינגעמונג דאם צו די וואסער באהאנדלונג פלאנט. די נייע ליניע וועט צושטעלן איבערפליסיגקייט אין פאל פון אן עמערדשענסי אדער געוועגליכע פארוואלטונג, אויב די אלטע מעין ליניע וועט נישט ארבעטן. עס וועט צושטעלן קריטישע וואסער סערוויס צו רעזידענשל, קאמערשל און אינדוסטריעלע באנוצער אין די ווילעדש און טאון אוו מאסענא, בלאס נארפאלק און לואיסוויל. די ליניע וועט אויך אריינגעמען נייע טעפס פאר די פארברייטערונג פון רויע וואסער סערוויס צו די פארגעשלאגענע Air Products Green Hydrogen Facility. **קאפיטאל פארבעסערונג פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס - 2.34 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 4.69 מיליאן דאלאר.**
- **סאוטערן טיער - ווילעדש אוו דריידען - וואסער און אפלויף אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען:** די ווילעדש וועט פארבעסערן איר וואסער און אפלויף אינפראסטרוקטור אלס די ערשטע פאזע צו האבן עטליכע הונדערט ארבעט דירות ועורן געבויט אלס עזרא ווילעדש אין טאמפקינס קאונטי. די וואסער פארבעסערונגען נעמען אריין פארברייטערן וואסער מעינס, און די אפלויף אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען נעמען אריין ערזעצן עטליכע טויזנט פיס פון פייפליניע. **קאפיטאל פארבעסערונגען פאר פרא-האוזינג קאמיוניטיס - 1.82 מיליאן דאלאר; סך הכל פראיעקט קאסטן - 3.64 מיליאן דאלאר.**
- **מערב ניו יארק - אידישע קאמיוניטי צענטער פון גרעיטער בופאלא, אינק. - ארבעטקראפט טשיילד קעיר איניציאטיוו:** די פראיעקט נעמט אריין דאס בויען פון א צוויי-שטאקיגע טשיילד קעיר צענטער אויף די בופאלא ניאגארא מעדיקעל קאמפוס וואס וועט צושטעלן שטארק נויטיגע סערוויס און צושטעלן ספעציאליזירטע פלאץ פאר קינדער מיט ספעציעלע געברויכן. צוזאמענארבעטנדיג מיט די קאמפוס אזויווי BestSelf Behavior Health און Buffalo Hearing and Speech וועט ערמעגליכן די נייע צענטער צושטעלן ספעציאליזירטע רעסאורסעס און סערוויסעס צו קינדער אין נויט, און א פלאץ אפצוהאלטן די

סערוויסעס פאר עלטערן און זייערע קינדער. **ESD גרענט - 3 מיליאן דאלאר; סך הכל קאסט פון פראיעקט - 8.2 מיליאן דאלאר.**

מער אינפארמאציע אויף די פראיעקטן געגעבן געווארן דורכך די 2024 ראיאנישע עקאנאמישע קאונסיל איניציאטיוו, ארייגערעכנט א פולע ליסטע פון באשאנקענע, איז [צו באקומען דא](#).

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**
היינט, האט גאווארנער Hochul (האקול) געמאלדן אז 273 מוניציפאליטיס זענען באשטעטיגט געווארן אל פרא-האוזינג קאמיוניטיס. גאווערנער האקול איז אנטשלאסן צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס און מאכן די סטעיט מער צוגענגליך און מער וואוינבאר פאר אלע ניו יארקער.

אלס טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארגעשלאגן א שטייפע פלאן צו מאכן קויפן און דינגען א היים מער עפארדעבל. דער גאווערנער האט פארגעשלאגן צו פארשטערקערן די פרא-האוזינג קאמיוניטי פראגראם דורך אינוועסטירן 100 מיליאן דאלאר צו שטיצן קריטישע האוזינג אינפראסטרוקטור פראיעקטן, און צושטעלן 10.5 מיליאן דאלאר טעכנישע הילף גרענטס צו העלפן קאמיוניטיס אנעמען פרא-האוזינג פאליסיס. דער גאווערנער האט אויך פארגעשלאגן צו שאפן די סטעיט'ס ערשטע רעוואלווינג הלוואה פאנד צו אנבריינגען געמישטע איינקונפט רענטעל דעוועלאפמענטס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי, ווי אויך לעגיסלאציע צו אדרעסירן די צוזאמענארבעט פון לענדלארדס צו באשטימען רענט פרייזן, פארבעסערן די עפעקטיוויקייט פון סטעיט שטייער קרעדיטס וועלכע שטיצן די אנטוויקלונג פון עפארדעבל האוזינג, און אויסברייטערן סעקיוריטי דעפאזיט באשיצונגען וועלכע מארקעט-ראטע טענענטס האבן יעצט פאר רענט-קאנטראלירטע טענענטס.

אין צוגאב, האט גאווערנאר Hochul (האקול) פארגעשלאגן נייע שריט צו מאכן היים אייגנטומערשאפט מער צוטריטליך און עפארדעבל פאר אלע ניו יארקער, ארייגערעכנט געלטער פאר סטארטער-היים דעוועלאפמענט און ערשט-מאליגע היים איינקויפער דאונפעינמענט הילף, און אוועקנעמען די רייץ פון פריוואטע עקוויטי פירמעס צו קויפן איינס און צוויי פאמיליע היימען לענגאויס די סטעיט. די סטעיט פון די סטעיט שלאגט אויך פאר פארמערטע שטיצע פאר סופארטיוו האוזינג וועלכע סערווירט א טייל פון די מערסט נויטיגע ניו יארקער.

אלס טייל פון די אקטיווע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025, האט די גאווערנער פארזיכערט א היסטארישע אפמאך צו פארגרעסערן די צאל הייזער אויף ניו יארק'ס האוזינג מארקעט דורך נייע שטייער אנרייץ מיטלען צו בויען אין אפסטעיט קאמיוניטיס, נייע אנרייץ מיטלען און אויסנאמען פון געוויסע סטעיט-ארויפגעלייגטע באגרעניצונגען צו בויען מער האוזינג אין ניו יארק סיטי, א 500 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג קאסע צו אויפבויען ביז 15,000 נייע הייזער אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום, נאך 600 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו שטיצן פארשידנארטיגע האוזינג דעוועלאפמענטס אריבער די סטעיט און נייע שוץ מאסנאמען פאר טענאנטס און היים אייגנטימער.

אין צוגאב, אלס טייל פון די דורכגעפירטע בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט די גאווערנער געמאלדן א פינף-יאריגע, 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו אויפבויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, ארייגרעכענדיג 10,000 מיט שטיצע סערוויסעס פאר שוואכערע באפעלקערונגען און אזוי אויך צו אריבערפירן נאך 50,000 היימער צו נוצן עלעקטריציטעט. מער ווי 55,000 הייזער זענען געבויט געווארן אדער אפגעהיטן געווארן ביז יעצט.

**סטעיט סענאטאר Brian Kavanagh (בריאן קאוואנאג) האט געזאגט,** "אדרעסירן אונזער מאנגל אין האוזינג לענגאויס די סטעיט פארלאנגט אז מיר זאלן נוצן אלע מיטלען וואס מיר האבן. די היינטיגע מעלדונג דורך גאווארנער Kathy Hochul (קעטי האקול) שטרייכט אונטער אונזער פארבינדענע פארפליכטיגונג צו שטיצן לעבהאפטיגע, דויערהאפטיגע קאמיוניטיס, בשעת'ן אינסענטיוויזירן לאקאליטיס צו זיין אפן צו מאכן מער האוזינג. איך בין שטאלץ צו שטיצן די סטעיט בודזשעט וואס מאכט די געלטער ווערילעבל און איך לויב אויס די גאווארנער, האוזינג קאמישענער RuthAnne Visnauskas (רוטאנא וויסנאסקעס), און זייערע קאלעגן אינעם אדמיניסטראציע פארן עפעקטיוו איינפירן און וואקסן די פרא-האוזינג איניציאטיוו."

**סטעיט סענאטאר Sean Ryan (שאן ריאן) האט געזאגט,** "ניו יארק'ס האוזינג צוגענגליכקייט קריזיס איז א פראבלעם וואס מיר קענען לעזן, אבער עס וועט פארלאנגען שעפערישע געדאנקען און אנגייענדע שטיצע פאר א

ברייטע רייע פון פראגראמען זיך צו ספראווען מיט די פראבלעמ'ס פילע אורזאכן. איך דאנק גאווארנער Hochul (האקול) פאר איר איבערגעגעבנקייט נאכצוקומען דעם פראבלעם, און איך קוק ארויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען איינצופירן לעזונגען וואס אדרעסירן די אייגנארטיגע פראבלעמען וואס אפסטעיט קאמיוניטיס שטייען אויס."

**אסמבלימעמבער Linda B. Rosenthal (לינדע ב. ראזענטאל) האט געזאגט,** "קאמיוניטיס אין יעדע ראיאן פונעם סטעיט דארפן טון צו די זאך צו בויען א מער צוגענגליכע ניו יארק. מיט די לעצטע רונדע פון פינאנצירונג געגעבן דורך די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל, וועלן פאבליק האוזינג אטאריטעטן און נאן פראפיט ארגאניזאציעס קענען שאפן שטארק-נויטיגע צוגענגליכע האוזינג פאר די וואס פלאגן זיך צו בלייבן פינאנציעל סטאביל אינעם עמפייער סטעיט. ווען מיר קוקן ארויס צום אנפאנג פון נאך א בודשעט סעזאן, בין איך ווידעראמאל איבערגעגעבן צו קעמפן פאר יעדע וועילעבל צענט צו בויען און פרעזערווירן אונזער סטעיט'ס צוגענגליכע האוזינג סטאק. איך אפלאדיר די גאווארנער'ס פעסטקייט אין אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס און איר אנגייענדע פארטנערשאפט אויף די קריטישע פראבלעם."

**אסעמבלימעמבער Al Stirpe (אל סטירפ) האט געזאגט,** "די היינטיגע מעלדונג פון ESD רונדע XIV גרענטס בענעפיטירן שטארק די פרא-האוזינג קאמיוניטיס ווי אויך אדרעסירט עס קריטישע געברויכן דורכאויס די סטעיט. דא אין צענטראל ניו יארק, האט SEED Syracuse, Inc. באקומען פינאנצירונג פאר זייער פראיעקט שאפנדיג געמישטע איינקונפט האוזינג און קאמערשל פלאץ אינעם סיטי אוו סיראקוס דורך ווידעראנטוויקלען אן איקאנישע 1929 אפיס געביידע. פינאנצירן לאקאלע פראיעקטן אין פרא-האוזינג קאמיוניטיס פארשטערקערט די פונדאמענטאלע עקאנאמישע באזע אין די מוניציפאליטיס. צו ס'איז שטיצן טשיילד קעיר, וואסער אינפראסטרוקטור, אינאוואטיווע טעכנאלאגיע אדער ביבליאטעקען, אלע פון די געבן צו צו פארבעסערן די טעגליכע לעבן פון ניו יארקערס און די געזונט פון זייערע געגנטער און דעם ראיאן. גאווארנער Hochul (האקול) האט געוויזן די פירערשאפט צו אדרעסירן די סטעיט'ס האוזינג געברויכן בשעת, אין די זעלבע צייט, שטיצן דאס שאפן דשאבס און א רייע פון עקאנאמישע דעוועלאפמענט געלעגנהייטן."

**אסעמבלימעמבער Angelo Santabarbara (אנגעלא סאנטאבארבארא) האט געזאגט,** "די איניציאטיוו איז איבער מער ווי האוזינג-עס איז איבער שאפן געלעגנהייט און בויען א פונדאמענט פאר פאמיליעס צו בליען. אויפוואקסנדיג אין די סיטי אוו שענעקטאדי, האב איך געזען ווי שווער עס איז פאר פאמיליעס אזויווי מיינס צו זיין אן די רעסארוסעס וואס מיר קענען יעצט צושטעלן. אינוועסטירונגען אזויווי דעם אין צוגענגליכע האוזינג, טשיילד קעיר און שטיצע סערוויסעס געבן פאר פאמיליעס די געצייג וואס זיי דארפן צו בויען א ליכטיגערע צוקונפט. איך בין דאנקבאר פאר די צוזאמענארבעט און מיטגעטיילטע וויזיע וואס האט דאס ערמעגליכט, און איך קוק ארויס צו זען ווי די פראיעקטן טוישן אונזערע קאמיוניטיס פאר קומענדיגע דורות."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](http://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן